# יומן

## חודש תשרי תשי"ד

נכתב ע"י

**הרה"ת ר' אלי' ארי' ליב גראסס ע"ה**

RebbeDrive

יוצא לאור ע"י
מערכת "רבי-דרייב"

# חודש תשרי תשי״ד

## ראש השנה ה׳תשי״ד

אמרתי תהילים במשמר משעה 12-2am.

בשנה הזאת התפלל כ״ק אד״ש בסוכה בחצר, ואפילו שם מלא מפה לפה ב״ה כ״י. הבעל תפילות הי׳ בסדר ר׳ יוחנן גורדן שי׳, ר׳ שמואל וויילער שי׳, ר׳ שמואל זלמנאוו שי׳, ר׳ יוסף ווינבערג שי׳.

כ״ק אד״ש הביא עמו ככל ראש השנה א פעקעל מיט עפעס א בגד דארט צוזאמען מיט קאלירטע הענשקעס, ואמר [הרבה ?] תהלים.

למפטיר ולתקיעות דחק מאוד מאוד סביב השולחן שעמד כ״ק אד״ש באמצע הביהכ״נ. להפטורות בכה כ״ק אד״ש שני הימים, אבל ביום הראשון בכה הרבה יותר.

ביום הראשון עשה הסדר לתקיעות בהענשקעס תחת טליתו, וביום השני בפני כל. בכה בשעת אמירת המזמור וברכה והפסוקים א״כ, ופניו היו צהוב שלהבת י-ה.

ביידע טעג האט רבי שליט״א ארומגעקוקט אויף אלע וועלכער שטיין אויף די בענק כדי אלע זאלען אראפגעהן. ר׳ שמואל שי׳ אמר ר׳ חדקוב שי׳ ור׳ חדקוב שי׳ אמר אד״ש ואד״ש אמר . . שמכריז לכול לעמוד על המקום ולא על הכסאות.

הסדר הי׳ ג״כ ביום שני, אבל ביום ראשון עשה כל המעשים תחת הטלית והטלית הי׳ איבער זיין קאפ עד הבאלעמע, און דער צווייטער טאג איז דער סדר געווען אפען פאר אלע צו זעהן. הרש״ג שי׳ הי׳ עמד לימין של כ״ק אד״ש.

צו דער ברכה ווי אויך צו די פסוקים בכה הרבה מאוד. דער דחקות איז געווען שווערער דער צוויטער טאג ווי דער ערשטער.

. . ביום ראשון גמרנו התפלה בשעה 3:45, וביום שני א שעה פריער.

ראשון זיינען מיר אלע געגאנגען בשעה 5:30 צו תשליך,

ובראש כ״ק אד״ש. גייענדיק איז געווען א סדר, אבער קומענדיק איז שוין געווען אויס סדר. כ״ק אד״ש איז געגאנגען אליין און אלע זיינען נאכגעגאנגען. די גאסען איז איסטערן פארק. גייענדיק און פרעזידענט סט. קומענדיק.

א גרויסער עולם איז געווען און מיר האבען נאהר געזונגען א קורצע ניגון, כדי אנצוקומען איידער עס ווערט שפעט, טונקעל. עס איז א גרויס קידוש השם וואס אין דער גאנצער געגענד ווייסט מען פון דעם אפילו אזעלכע אידען וואס האבען א קליינע שייכות צו די זאכען.

קומענדיק צוריק האבען מיר געטאנצט, און כ״ק אד״ש כמנהגו האט ארויסגעקוקט פון זיין פענסטער, אבער ניט געעפענט ווי פאר א יאר.

ביום שני איז געווען דער פארברעגנען ווי יעדער יאר. אין אנהויב איז געווען צוויי קורצע שיחות מיט א ברכה אז עס זאל זיין א גוט יאהר, א כתיבה וחתימה טובה. אלע האבען געזאגט לחיים לעבעדיק. זעליג כצמאן שי׳ האט צושניטען זיין פינגער צוברעכענדיק א בוטעל ווין אויף א טיש.

אלע האבען געזאגט לחיים נאר אויף וויין. נאך די שיחות האט כ״ק אד״ש געבענטש. פאר בענטשען האט ער צו גערופען מענדל בארטפעלד שי׳ איהם צוגעבען א שטיקעל חלה, אבער ער איז ניט געווען דארט. בשעת ער איז געקומען איז שוין געווען שפעט, ווייל כ״ק אד״ש האט זאך געוואשען מים אחרונים. אויך האט כ״ק אד״ש געגעבען אברהם סייקינס שי׳ א שטיקעל חלה און איהם געזאגט צו וואשען זאך.

אחר ברכת המזון האט כ״ק אד״ש געטיילט כוס של ברכה צו אלע, געגעבן יונגער לייט פאר זייער בעל הבית, אויך אמאל פאר אנדערע. צו דער עלטער גורקאוו שי׳ פון לונדון אמר: דו קענסט ניט אוועק לויפען פון אויבערשטער אפילו אין לונדון, בלייב דא לערן אין ישיבה און ווער א חסיד.

בשעת נתן לי כוס של ברכה האט כ״ק אד״ש אנגעהאלטען מיין האנט וואו דער כוס איז געווען און אריינגעגאסען ואמר אין שטילער קול: לחיים ולברכה. איך האב געזאגט במחשבה לחיים, וויל איך האב געזעהן ווי אנדערע זאגען יע, און . . און נאך זאגען אין הארצען.

צוגעכאפט א גוטע ארט צו הערען כ״ק אד״ש זאגען דער מאמר, הער איך ווי דזשייקאבסאהן רופט מיר, קום איך צו, זאגט ער אז איך זאל נעמען פאר די שוועסטער וועלכער שטייט אויבען און קוקט אריין ווי דער רבי שליט״א טיילט צוזאמען מיט די כ״ק׳ס שוועסטער.

קום איך צו צום רבי׳ן שליט״א, זאגט מיר כ״ק אד״ש: דו האסט שוין גענומען איין מאל, און שמייכעלט זייער. זאגט ר׳ ישראל שי׳: פאר די שוועסטער ..

מען האט געזונגען דער בעש״ט ניגון און נאך א ניגון, וכ״ק אד״ש התחיל המאמר של ר״ה בעיניים סגורות און מיט די פנים בוער כלפיד אש.

דער מאמר רעדט זיך וועגען בנין המלכות, ווי נשמות דערגרייכן דער העכסטער דרגא, און דוקא דורך אונז קען דורכגעפירט ווערן דער כוונה העליונה, המאמר התחיל זה היום תחילת מעשיך זכרון ליום ראשון, און פרעגט דער באוווסטע קשה ווי עס שטייט אין דער המשך פון ביכעל חודש תשרי תש״ד.

וגם שרנו השיר אבינו מלכנו אין לנו מלך, האפ קאזאק, אויך אני מאמין. אויך אחר המאמר איז געווען א ברכה אויף בני חיי ומזוני בגו״ר.

שפעטער האבען אלע געטאנצט אין הויף צו כי בשמחה און נאך ניגונים, וכ״ק אד״ש איז געשטאנען ביים פענסטער פון טרעפ מיט א טיכעל אין האנט און געווישט טרערען און געמאכט מיט ידיו הק׳.

## יום הכיפורים ה׳תשי״ד

מען האט גערעדט אז ר׳ בן ציון שם-טוב שי׳ דארף קומען אויף ראש השנה, אבער ער איז געקומען אויף יום כיפור.

## ערב יום הכיפורים ה׳תשי״ד.

קמתי בהשכמת הבוקר בשעה 4:30am וכ״ק אד״ש בא לישיבה בשעה 5:35am.

דער מקוה וואס מען האט געעפענט אריבער דעם גאס איז אפען דער גאנצער מעת לעת און מיר זיינען געגאנגען דארט בערך 5:15am.

6:00am האט כ״ק אד״ש געשלאגען כפרות בחדרו ככל שנה, און געבראכט דער ווייסער

עוף צו ר' קאלמענסאהן שי' אין חצר און איהר דערלאנגט מיטביידע הענט כך, איין אויף איין פליגעל און דער צווייטער אויף דער אנדער פליגעל און צוגעזעהן ווי דער שוחט קוילעט דעם, און שפעטער געזאגט א דאנק צום שוחט.

כ"ק אד"ש האט געמאכט א ברכה און מכסה געווען דעם דם אין DUST PAN וואו דער עפר האט אויסגעקוקט ווי ווייכע ציגארעט אש.

אח"כ בערך חצי שעה התפלל כ"ק אד"ש עם המנין. א סאך מנינים האבן נאכגעשטעלט.

אחר תפילת שחרית הלך כ"ק אד"ש לאוהל קודש.

## יום הכיפורים ה'תשי"ד

אחר מעריב ר' שמואל זלמנאוו שי' אמר כל נדרי, כ"ק אד"ש זאגט תהילים כסדר - פון נייע תהילים מיט פירוש פון צמח צדק אויף דעם - בשעת מען זאגט אדער אין פרייע זמן. אמאהל שטייענדיקערהייט שפארט זיך כ"ק אד"ש ידיו הק' אויף די בימה און האלט זיין ראש הק' אויף זיי.

נאך מעריב ושש קאפיטלאך התחלנו התהילים בתחילה.

ר' ווײַלער שי' האט געזאגט ערשטע ספר און אוועק, עס איז ניט געווען ווער זאל זאגען ווייטער.

האט לייבל גראנער שי' מיר געבעטן מיטן טעם, און איך האב זיך דערמאנט אז תלמידים זאגן יום כיפור ביים עמוד תהילים, האב איך געזאגט ביז דעם צוויטער קדיש און געזאגט גאנץ שנעל.

ווײַלער שי' און מנחם מענדל קונין שי' האבן געענדיקט ביזן סוף.

יום כיפור גופא עס איז געווען ניט קאלט אדער ווארעם, געפאסט האט זיך גאנץ פיין . .

בהשתחוואות פאלט כ"ק אד"ש גלייך בשעת מען זאגט והכהנים. בכלל דער טלית של כ"ק אד"ש איז געווען ווייטער ארונטער אויף זיין פנים הק' ווי א גאנץ יאהר. קיינער העלפט ניט כ"ק אד"ש אויפצטשטיין. בשעת חזן פאלט קוקט צו כ"ק אד"ש.

בערך ¾ שעה איז געווען הפסקה.

ר' חדקוב שי' זאגט מפטיר אין פרי. מפטיר יונה זאגט כ"ק

אד"ש אין נידעריק צובראכענע שטימע.

בשעת פתיחת הארון שטייט כ"ק אד"ש נאר צו וויכטיקע תפילות.

ר' יוסף וויינבערג שי' מוסף . . און זאגט תהילים. אחר תהילים בשעת ה"מארש" ג"כ אמר תהילים, מאכט מיט די הענט לעבעדיק.

מעריב, הבדלה בהיטעל בטלית על כתפו, אמר כ"ק אד"ש גוט יום טוב.

. . מוצאי יום כיפור שמעתי אז עס איז געווען א פארברענגען אבער איך האב ניט געקענט זיין.

## יום י"ג תשרי יארצייט של כ"ק אדמו"ר המהר"ש זצוללה"ה

ר' שמואל שי' התפלל לפני התיבה, וכ"ק אד"ש לא אמר קדיש.

אחר מעריב (ליום י"ג) נתן כ"ק אד"ש לר' שמואל שי' געלט פאר קויפען אויף משקה, מען האט צוכאפט די ניין דאלער גלייך און געביטען דאס אויף 2 דאלער, סה"כ $18.

ר' שמואל שי' דיבר על ענין הסדר, ווי נייטיק דאס איז מסירה להנהלה אז איהם איז אינגאנצן ניט נוגע אויב יא אדער ניט, ואמר אונז איז נוגע די צייט, איז גייט [בטל?] דער זמן. דער ענין פון פוגם זיין אין ז"א דאבא, איז במשך ההשתלשלות ווערט דאס אינגאנצן אנדרעש. שטענדיק איז געווען ענין פון יגיעה, עס מוז זיין היטען סדר, פשטות טאהן וואס מען דארף.

הרבנית שטערנע שרה נ"ע אמר על (בעלה זצ"ל או בנה זצ"ל) אז אמאהל איז זי אריין, כאטש אפילו ער האט ניט אויסגעקוקט ווי דער רבי מהר"ש זצ"ל, אבער זמנים פלעגט ער פועל אויסקוקען אזוי, ווייל עס איז אמאהל מאיר דער גילוי אין זיי.

בשעת איך בין אמאהל געגאנגען קיין שיקאגא - אמר ר' שמואל שי' - האט רבי זצ"ל געעפענט זיין סידור און מיר געזאגט ווי דער טאטע האט געזאגט תומך תמימים הושיעה נא. שפעטער האב איך פארשטאנען אז דאס איז געווען א נתינת כח.

התוועד עד שעה 1:30am אמר לש.מ. שי', פארוואס ביסטו אלעמאל ארויס פון קהל, ניט צוזאמען מיט אלע, איך מיין זיין טובה.

גם ר' בן-ציון שם טוב שי' האט פארבראכט, ער האט זאך אוועגעזעסן אין מיט'ן פארברענגען, ווייל ער איז געווען אויף יחידות, זאך צוגעהערט דאס וואס ר' שמואל שי' האט גערעדט.

אויך האט ר' שמואל געזאגט, מיר האבן געהערט אז דו נעמסט ניט קיין משקה, מיר פיהלען שלעכט איבער דעם בפרט אלי' גראס, וצחקנו. ענה ר' ב.צ. שי': די אידען אין לאנדען זאגן אז דאס איז איינער פון דער רבי'ס שליט"א ניסים.

שפעטער האט בן ציון שי' פארבראכט ואמר אז ער האט גערעדט צום רבי'ן שליט"א נאהר בנוגע אנדערע, און ווי דער רבי שליט"א איז נוגע יעדער זאך בנוגע זיי.

ענין פון שמירת הזמן, אז אויב די ישיבה בחורים וואלטען געלערנט ווי מען דארף, וואלט מען געקענט צוציען נאך א סאך חברה, ווי איינער האט מיר געזאגט - איך ווייס ליובאוויטש איז אמת און איך וואלט דארט געגאנגען, אבער די תלמידים לערנען ניט. מען קען צוציען מענטשען, אויב מען היט דעם זמן, קען מען צוויי מאל און מעהר אויפטאהן, ווייל עס שפארט ווידער טאהן.

חאטשע פייגין ע"ה איז אמאהל צום רבי'ן זצ"ל אריין און זעט ווי דער רבי לייגט צוזאמען געלט ווי א באנק מיט דער בילד ארויף און מאכט גלייך דער שורה, ואמר לחאטשע פייגין ע"ה: דו זעסט ווי איך האב האלט סדר. אמאהל איז ארויס א צייטונג אין ליובאוויטש נאך אין די ע' און דער רבי שרייבט ווי מען דארף זאך אנטאהן, ניט ווישען דער נאז נאר אין א טיכעל וכו'.

ר' ב.צ. שי' פלימעניק האט חתונה היינט ביינאכט, און מפני זה פארברענגט ער נאך א האלב שעה, אבער זאגט אז מען מוז האבען סדר . . צו די משפחה, לכל לראש צום רבי'ן שליט"א.

מען זאהל ניט מיינען אז מען טוט דער רבי שליט"א א טובה אויב מען גייט ארויס אויף א שליחות פון מרכז, מען טוט זיך דער טובה. מיר זעהן במוחש די וואס האבען זאך צוגעהערט צו די רביים און געפאלגט אהן א פארוואס (שפעטער אמר לי ר' ב.צ. שי' אז דער רבי זצ"ל האט איהם געשריבען דאס אין א בריוו) האבען געהאט הצלחה אין אלץ, בני חיי ומזוני. און די וואס

האבען ניט געהערט, זיינען דורכגעפאלען.

דער עיקר פון אונז איז, מיר דארפען ניט מאכען קאליע, אזוי האט רבי זצ״ל געשריבען איינער. מעשה וועגען ארון, דוקא מיט ארון וואס משה רבינו האט געמאכט פון האלץ האט מען געפירט אין מלחמה, ניט פון בצלאל וועלכער איז געווען פון גאלד.

לא שתה משקה, רק מעט. די וואס האבען זיך איבערגעגעבען, האבען אויסגעהאלטען, און די וואס האבען ניט, זיינען ניט. חושים זיינען גוטע פון תלמידים, עס פעלט נאר התמדה.

פאר די הסתלקות פון אדמו״ר מהש״ב זצ״ל, האט ער געזאגט [ווער?] צוגעבען אלע זיינע כתבים, ואמר: און די איבעריקע פארברען. האט כ״ק אדמו״ר זצ״ל פארשטאנען אז זיין מכתבים זיינען די איבעריקע און געוואלט דאס פארברענען, אבער אנשטאט האט ער דאס באהאלטען צווישן די ווענט.

אדמו״ר מהרש״ב נ״ע האט אויסגעפונען וועגען דעם און געזאגט ניט צופריעדנעהייט: אזוי פיהל יאהרען געארבעט אויף זיי, און ער האט ניט דאס געמיינט.

דערוויילע איז איינע פון די תלמידים אריין אין וואנט און ארויסגענומען עטליכער מכתבים וועגען חזיוני לילות וכו׳, האט אדמו״ר זצ״ל אויסגעפונען ואמר אז מען זאהל גלייך צוריקברייגען, ״זיי ווילען וויסן וואס טוט זיך אונטער מיינע נעגל״. יעצט האט מען אלץ, נאהר מען דארף האבען די התמדה.

## ליל א׳ של חג הסוכות ביום ה׳ בלילה ליום ו׳

אכלנו בסוכה של ישיבה, אלע זיינען געווען אויסגעמאטערט פון הכנות ערב סוכות . . באו לישיבה לראות ולשמוע. גאנצער סוכה איז פארדעקט מיט סכך, שיין און ריין.

ר׳ חדקוב שי׳ איז שפעטער צוגעקומען און אויך תלמידים. ישבנו וביקש ר׳ חדקוב שי׳ צו ריידען, ולא רצה, ואמר אז מיר זאלען נאר זינגען, ביז ער איז אינגאנצען אוועק פון סוכה. גאנצער שאלה אויב אויף א גלעזעל רביעית וויין קען מען מאכען א לישב בסוכה, געפסק׳נט אז מען מאג.

## בליל ב׳ סוכות שמחת בית השואבה

התוועד ר׳ שמואל שי׳ על ענין פון סוכות.

דערציילט מעשה פון רוזשינער ווי איינער א איד האט געוואלט זיין זוהן זאהל ווערען א בעל תשובה, האט צ״צ געזאגט איהם צופיהרען צו רוזשינער, רוזשינער האט דאן געהאלטען א מיט'ן א סעודה. אחר הסעודה אריין אין חצר צוזאמען מיט יונגערמאן און אנגעוויינט א בית פון תפילין (ליידיקע) מיט טרערען, און ער האט געזעהן אין שפיגל אלע זיינע עוונות, האט ער אנגעהויבן וויינען און געטאהן תשובה און געווארען א חסיד פון צ״צ. אלעמאל שפעטער ביים עסען, פלעגט ער וויינען כסדר פון זיך.

יוסף צדיק עליון, בנימין בינוני - צדיק תחתון, בכה על צווארו של בנימין. אויב בנימין וואלט מרגיש געווען זיין אהבה און יראה וואלט ער געהאט ישות.

צום התוועדות של ר׳ שמואל שי׳ י״ג תשרי, דיבר ג״כ ווי הענדל נ״ע המשפיע פלעגט דרעמלען (כדומה) בשעת אדמו״ר מהרש״ב האט גערעדט השכלה, אבער בשעת עבודה איז ער שוין געווען גאהר וואך.

וגם אמר ר׳ שמואל שי׳: איך פלעג לערנען תניא מיט מיין עלטערע ברודער וועלכער האט געלערנט צוזאמען מיט ר׳ לויק נ״ע (אביו של כ״ק אד״ש) און האב ניט געוואלט הערען נאך צו ר׳ הענדל נ״ע, שפעטער האט עס מיר פארדראסען.

גם דיבר אל תלמידי רוסיע: איהר ווייסט ניט וואס איהר טוט, איהר דארפט וויסען אז אייערע טאטעס (צו י. פ. שי׳, מ. ל. שי׳, כ. שי׳) זיינען געווען קדושים, איך האב זיי אלע געקענט, זיי האבען זאך מוסר נפש געווען, והתחיל לבכות, אבער זאך איינגעהאלטען און געזאגט לחיים.

אח״כ אמר: דאס וועט מגין זיין אויף אייך, וואס צוליב אייך האבען זיי זאך מוסר נפש געווען, און איהר פארשפילט דאס. אויב איהר וואלט געלערנט - דארט איז דאס מגין - און אייער דאוונען און אזעלכע זאכען, ניט אנדערע זאכען.

בנוגע דער יום טוב סוכות, דא אין אמעריקא איז קיינמאל ניט געווען אזא יום טוב פון סוכות, יעדער טאג איז געווען א פארברענגען:

ליל ליום א' - תלמידים יח'

ליל ב' - ב.צ. שם טוב שי'. ביום ב' - התוועדות של כ"ק אד"ש

ליל ג' - ר' שמואל שי'

ליל ד' - כ"ק אד"ש

ליל ה' - חזרה

ליל הושענא רבה - ר' פרץ [מאצקין?] נ"י

שמיני עצרת - בתי כנסת והקפות וריקודים

ליל שמחת תורה - כ"ק אד"ש התוועדות והקפות וריקודים.

ביום שמחת תורה - התוועדות כ"ק אד"ש

שבת בראשית - התוועדות כ"ק אד"ש לכבוד שבת מברכים, ובלילה - המשך להתוועדות משמחת תורה עד שעת 12:30am ואח"כ התוועדות עם ר' ב.צ. שם טוב שי' ור' ש. פויזנער שי' עם ר' יוסף ראבינסאהן שי' עד אחר עלות השחר ונץ החמה.

עס איז זייער שווער צו געדיינקען אלע פרטים ווי עס דארף זיין.

בשעת ב.צ. שם טוב שי' האט גענומען פיהל משקה, האט ער גערעדט נייטיקייט פון איבערגעבען זיך לכ"ק אד"ש, און ווי עס פעלט אין בחורים דער תנועה, ווי אויך לערנען ווי עס דארף זיין.

## יום י"ח תשרי ה'תשי"ד – Sept. **27, 1953**

בלילה התוועד כ"ק אד"ש עם תלמידי כל הישיבות, עס איז געשטאנען דער איינלאדונג אין צייטונג "דער טאג", עס איז געקומען זייער א גרויסע עולם.

דער ערשטע רייד איז געווען ווי די יונגע אין צייט פון בית המקדש פלעגען ארויפקלעטערן 50 אמות מיט די אלטער גארטלען און הויזען פון כהנים, זיי אנגעצונדען מיט שמן צו לייכטען דער ארום. און די אלטע, זענדיק דער מסירות נפש, פלעגט דאס אויפמאנען אין זיי גרעסערע כוחות.

נאך א רייד איז געווען בנוגע טעם - תורה, וריח - מצות, בנוגע הד' מינים. פארוואס מאכט מען

דער ברכה על נטילת לולב, מען האט געקענט אויסשטעלען אויף דער אתרוג דער ברכה, נאהר לולב וואס דאס איז דער עיקר טעם, גייט דאס ארויף אויף ישיבה תלמידים.

וואס דער לולב שאקעלט מען אין אלע זייט, למטה און למעלה און מען קערט עס צוריק צו זיין הארץ ווי עס דארף זיין (אבער ווי כ"ק אד"ש ברייגנט דאס ארויס, הלוואי זאהל השי"ת מיר געבען דער כח אויף צו באשרייבען און איבערחזר'ן בדיוק הלשון).

שפעטער איז געווען א רייד וועלכער האט אויפגעציטערט גאנצער עולם . .

פארוואס שטייט עפעס מכנסיים ואבנט ביי די קליידער וואס יונגע פלעגען ארויפגעהן מיט.

עס ווערט געבראכט אז כל זמן דער ענין פון שמירת הברית קודש וועט זיין, האלט דאס אפ משיח פון צו קומען, וויבאלד ער איז ניט דא און מען האט שוין כמעט אלץ מברר געווען, ווייזט אויס אז עס פעלט נאך אין שמירת הברית קודש.

ביי כהנים בזמן בית המקדש איז געווען אזוי - און אזוי דארף אלעמאל וואס דאס איז א רמז - אז אפילו זייער מכנסיים און אבנט וואס דאס איז מבדיל בין הלב והברית געלויכטען אין די פינסטערניש פון דער ארום.

כאטש אפילו איך האב וועגען דעם ניט געזעהען אין קיין שיחות אז מען זאהל וועגען דעם ריידען אפען, אבער וויבאלד אז מען וויל דאך משיח זאהל קומען, דארף מען אלץ טאהן (און נאך טעמים).

איך וויל ניט אז מען זאהל מיר חושד זיין אז איך רעד און רייד און סוף כל סוף וועל איך ריידען וועגען לערנען חסידות - אפילו ווען איך וואלט ניט גערעדט וועגען דעם, פארוואס דארף מען אומזיסט חושד זיין א אידען - וועל איך ריידען און וועט ניט אומזיסט.

הער זאך איין אידען, מען דארף לערנען חסידות, ווייל א נשמה למטה דארף דורכלערנען אלץ וואס איז דא דורכצולערנען, און דוקא בזמננו בעקבתא דמשיחא דארף מען זעהן צו לערנען חסידות.

→ תמונה של התוועדות בסוכה שמחת בית השואבה עם כ"ק אד"ש, י"ח תשרי ה'תשי"ד

. . . געזאגט אז . . צו העלדערמאן שי' פון נויארק נ.ז. און געציילט אין . . צו טרינקען 6 מאהל לחיים.

## ליום ב' סוכות

איז געווען התוועדות עם כ"ק אד"ש ואמר מאמר דא"ח על ענין של סוכה בשם סכך נקרא, מעלה פון סכך, כוכבים וכו', צלתה מרובה מחמתה, אז כוכבים איז גרויס, עיקר . .

(ר' ב.צ. שי' אמר להתוועדות שלו אז סוכות דוקא אין א קאלטע קלימאט גייט מען ארויס, ניט ווי די גוים פארשטעהן, העכער פון פארשטאנד).

התוועדות בליל הושענא רבה מר' פרץ מאצקין שי' - א גאסט פון מאנטרעאל - בסוכה של ר' צמח גורעוויטש שי', עס איז געווען געפאקט א פאהר תלמידים זיינען געווען, פון אמעריקאנער: משה גראנער שי', בערעל אלעניק שי' וכו' . .

ער זינגט זייער הויך און קלאהר, ווי אויך דייטליך. בשעת מען האט געזונגען א ניגון, האט ער געזאגט: עס דארף זיך ניט אויסלאזען מיט אן אהא, דאס מיינט אז אהא, מען האט דאס שוין, נאר אין אזא תנועה וואס מען האלט נאך אין זוכען, און געזונגען צום סוף מיט א הויב דער שטימע.

סיפר מעשה ששמע מר' איטשע מתמיד ע"ה: עס איז אמאל געווען א לייב וועלכער האט געלערנט די קליינע לייבלעך פון וואס מורא צו האבען, אמר להם, אז נאר פון א מענטש. האבן זיי געזעהן א קינד, האט ער זיי געזאגט: דאס איז נאך ניט קיין מענטש, ער וועט נאך זיין. ראו זקן - דאס אויך ניט, ער איז געווען. געגאנגען, געזעהן דער מענטש, אבער איידער ער האט געקענט זאגן - אט דאס איז דער מענטש - האט דער פאנגער איהם גלייך געטויט.

נאך א מעשה פון ר' איטשע מתמיד ע"ה, וואס צוויי חסידים זיינען געגאנגען צו א רבי'ן, איינער צו פוס - אן ארעמאן - איינער א רייכערער מיט א וואגען. טרעפט דער מיט'ן וואגען דער ארעמאן חסיד, אמר לו: קום אריין, פארן, ולא רצה. אמר הגביר: ניט ווייט איז דא א שטעטל . . האט ווילדער הינט, אמר העני: איך האב ניט מורא,

ווייל איך האב א יהי רצון פאר הינט.

טראכט דער גביר: ער וועט גיין געלאסען מיט זיין וואגען צוזאמען מיט די טריט פון ארעמאן. געקומען אין שטאט, האבן הינט אנגעהויבן בייסן ארעמאן, ביז וואנען ער האט געדארפט ארייַנשפרינגען אין וואגען. שאל: וואו איז דיין יהי רצון. ענה: באמת העלפט דער יהי רצון, נאר די זיינען אלזעכע הינט וועלכער דערלאזען ניט זאגען דער יהי רצון. משל, אז חסידות העלפט אלעמאל.

אמר ר' פרץ שי': פארלאזט זיך ניט אויף דעם וואס איהר וועט ווערען עלטער, ווייל איך בין שוין עלטער און עס איז גארניט, מיט די יונגע כוחות, קען מען ארויסשטעקען א פייג צו דער יצר הרע. מען האט א רבי'ן שליט"א, ביז יעצט האט דאס געפעלט, וואס פעלט יעצט - אייך זאך האט מען געפועל'ט אונז, אז קיין גבירים וועלן מען ניט זיין, איז דאס כדאי ארויסוואַרפען אלץ צוליב א הייסע שטיקל בשר (הגוף).

אונזער רצונות דארפן זיין גאר אנדרעש - דער גאנצער וועלט וויל א שיינער היים וכו' - די וואס האלטן ביי חסידות דארפן גארניט וועלען פון די גשמיות - דאס איז נוגע זיך, די קינדער, קינד'ס קינדער - נאר מען וויל ניט.

עס איז געווען א איד א חסיד, ער האט ר"ל פארלארען זיין כח הרצון. הי' מעשה איך שבא לידי זה ר"ל: איז מען האט געשאסען . . אידן, דער טאג אין רוסלאנד (אין חרקוב) איז מען געקומען צו זיין שטוב, איז פון שרעק פארלארען זיין רצון, ער וויל ניט זיצען, ער וויל ניט עסען וכו'. נאר איין דאקטער האט אין איהם גענומען אן אינטרעס, האט ער . .

מען פארקויפט העכסטע ענינים פאר . .

עס איז דא גמר חתימה טובה און גמר חתימה לטוב.

חילוק ביניהם, אז דער גאנצער גמר חתימה . . טובה, ודיבר, אויב מען טוט אפ אן ענין און מען ענדיקט ניט ווי עס דארף - איז ניט נאר דער סוף, נאר דער גאנצער ענין פעלט.

גמר חתימה לטוב - אז ביז דער גמר חתימה איז טוב און עס פעלט נאר דער גמר (אזוי ווי ביי אלטע חסידים, אז א גאנץ יאהר, זיינען זיי געווען ווי עס דארף,

נאהר צום סוף האבן זיי פארשפילט) . .

דער רבי שליט"א דארף און מוז אונז האבן - עס פעלט ח"ו אין איהם גארניט - נאר פאר אונז וועט פעלן . . דער רבי זצ"ל האט געשריבען נאך אין תש"ו, אז זיינע גענעראלען זיינען מיט - דאס איז געווען ווי היינט ר' שמואל שי', דזייקאבסאהן שי' (צו איין תלמיד) - אויב זיי זיינען גענעראלען, ביסטו זיכער, אבער זיי זיינען פארט גענעראלען. באמת איהר האט בעסערע קעפ ווי די פריערדיקע תמימים - אייער טאטעס שי' - נאר אייער טאטעס האבן געהאט יגיעה, און איהר פוילט זיך מאטערען אייערע קעפ.

אין ליובאוויטש איז אמאל געקומען א מוסר'ניק, האט ער אונז געוויזען ווי מען זאגט מוסר, געשריען און געזונגען, שפעטער האט ער געפרעגט: נו, האב איך אויף אייך גע'פועל'ט. איך בין גלייך יעצט ווי דער מוסר'ניק. איך האב זייער ליב א תמים - גלאט א איד דארף מען האלט האבן, בפרט א תמים.

בנוגע ניגון אשרי מי שלא חטא, פלעגט מען זינגען ומי שחטא חטא, האט גרונם ע"ה אמאל געזאגט דער ווארט: פארוואס דארף מען קוועטשען דער חטא, קוועטש דער ישוב - ביז היינט זינגט מען מיט דער ישוב - דאס טוט אויף איין אמת'ער ווארט פון אן אלטער חסיד.

מעשה פון ר' אלי' ע"ה ווענמען מען האט געשאסען אויף דער פעלד צוזאמען מיט אנדערע 3 אידן, געזונגען ליובאוויטשער ניגון איידער שיסן, געזונגען ניגון.

דער ר' אלי' ע"ה פלעגט האבן גרויס הנאה ברענגען משקה פאר פארברענגענ'ס, צו אלע פארברענגענ'ס פלעגט ער ברענגען משקה. אמאל האט געטראכט: פארוואס דוקא איהם, זאל נאך איינער. האט מען געווארפען גורל, איז געפאלן אויף ר' אלי' ע"ה. שפעטער האט ער געמאכט שטיקל טעות און פארבראכט אליין וואס דאס האט ניט געטויגט.

אמאל איהם געפרעגט: וואס פאר א זכות ער האט צו ברענגען משקה, האב איך אויסגעפונען אז אין לעניגראד האט ער ניט געהאט וואו צו שלאפען, איז ער געשלאפען אין א א באהאלטענע מקוה מיט גרויס שרעק אז מען וועט איהם כאפן.

בין איך זיכער אז למעלה דערלאנגט אלי' משקה, ווייל ער וויל מיט אן אמת, און בערעל ריבקין שי' וועט ניט זאגן דארט קיין פלפול. קען ניט נעמען פיהל משקה - אן אלטער איז גארניט - נעמט אלע צו בוטלאך.

אחר ההתוועדות משעה 12:15 - 1:45 אמרנו תהילים עם כ"ק אד"ש. וחומש, מקוה שלאפן.

## שמיני עצרת ה'תשי"ד

הלכנו לבתי כנסיות לרקוד ולשמח העם, מען האט אונז ניט געלאזט פיהל טאנצען אין דער שוהל . . נאר א ביסל צום הקפות. דאן אונטען אין א גערער שטיבל אח"כ האבן מיר מיט מיכא-ל טייטעלבוים שי' געמאכט קידוש אין סוכה פון שוהל אויף משקה, ריקוד צוגעגאנגען באגעגענען אנדערע חבר'ה, געמאכט ליניע פון צוויי מיט צוויי - צוואנציג תלמידים - און געזונגען אין גאס, געמאכט גרויס קידוש השם.

צוריקגעקומען, האלט מען אין מיטן אתה הראת. שפעטער שטעלט זיך כ"ק אד"ש אוועק אויף א באנק, כדי מען זאל ניט דארפן שטופען, און ער וועט זעהן אלעמען און מיר וועלען דער רבי שליט"א קענען זעהן.

קיין געלט האט מען ניט גענומען, נאר די כיבודים זיינען אזוי געגאנגען: כ"ק אד"ש, הרש"ג שי', ר' שמואל שי', ר' אלי' סימפסאהן שי', אשכנזי שי', ר' ישראל דזייקאבסאהן שי', ר' חדקוב שי', קאזארנאווסקי שי', בנימין גאראדעצקי שי', שמואל זלמנאוו שי', זלמן גורארי (כ"ץ איז דער וואס האט אויסגערופען מיט ר' זלמן דוכמאן שי').

ר' זלמן שי' האט אלעמען ארויסגערופען מיט א טיטול אדער אנדערע תוארים . .

געטאנצט ערשטער הקפה כ"ק אד"ש מיט הרש"ג שי' ארום MIN15 , רבי שליט"א עשה עם יד קדשו "לעבעדיק לעבעדיק", און פניו הק' איז געווען שטארק רויט, און געזונגען האט כ"ק אד"ש אויך אויפן קול - און אזוי אויך לעצטער הקפה. באמצע האט כ"ק אד"ש געשטאנען אויפן באנק און עולם האט געטאנצט אויף זייערע ערטער.

דאס אלץ, מיט אלע פארברענגענס - ווי אויך דער דאוונען שמחת תורה בבוקר - איז פארגעקומען אין סוכה אונטען. פון פרעמדע זיינען ניט

פיהל געקומען דער ערשטע נאכט שמיני עצרת ווי שמחת תורה. פרויען און מיידלאך זיינען געשטאנען אין סוכה צום סוף אדער העכער ביים דאך אין דער שכנ'ס חצר.

אחר הקפות, בגדים געווען דורכגענעצט, געביטען זיי . . האט מיר געגעבען עסן מיט אין סוכה פון ישיבה, אכלתי עם הקהל . . זיינעןביידע געווען און געזעהן כ"ק אד"ש, אמי תחי' האט באגלייט הרבנית חנה תחי' צום איהר הויז.

אחר האכילה באגלייט הגביר הנדיב ר' יוסף ראבינסאהן שי' צו קארף שי' וואו ער שטייט איין - דערציילט ווי רבי זצ"ל האט איהם געשריבען אן ענטפער אויף זיינער און יעקב כ"ץ שי' בריוו אז רבי זצ"ל זאל ניט ארבעטען אזוי שווער - לעבד נמכר יוסף, וואס פאר א איינדרוק דאס האט געמאכט אויף איהם. אויך ווי געלט איז זבל, אבער רבי זצ"ל זאגט וואו קען איך קריגען דער זבל, און שרייבט וואס ער קען אויפטאהן מיט דער זבל.

אח"כ געפרעגט בן ציון שם טוב שי' אויב בשעת מען גיט זאך איבער צו כ"ק אד"ש, אויב מען זאגט מען האט נטיות צום געשעפט.

אמר לי ר' ב.צ. שי' אז איך האב געשריבען צו כ"ק אד"ש אז וויבאלד אז איך האב יעצט דריי זיהן דא און א פערטער אויפ'ן וועג, אפשר וואלט אן אנדער געמאכט בעסער אין מיין ארט. ענה לי כ"ק אד"ש, איך זאל פארגעסען וועגען דעם - פארגעס אויך. מען זאגט רבי שליט"א אז מען איז זיך מוסר אבער דיין הנחת הנפש איז עסק, אבער אויב רבי שליט"א וויל ניט, ווילסטו אויך ניט. און בעט אז דו זאלסט האבן כחות וואס דער רבי שליט"א זאגט דיר צו טאהן.

בשעת סוכות איז רבי שליט"א איין מאהל אריין צו זיך אין סוכה, האט ער געטראפען ר' בן ציון שם טוב שי' אויף די שטיגען צום סוכה, האט בן ציון שי' זאך דערשראקען און געטרעטען צוריק. אמר כ"ק אד"ש: איז דאס אהבת ישראל זאך דערשרעקן פון א איד.

די ערשטע צוויי טעג סוכות בשעת דער עולם האט געבענטשט אתרוג, ישב כ"ק אד"ש כנגד המברך ואמר תהילים וענה אמן בלחש על כל ברכה. אויך צו הושענא רבה נתן לעקאח צו די . . ערב יו"כ.

בליל אחד של סוכות האבן בחורים פארבראכט צוזאמען מיט ר׳ שלמה קאזארנאווסקי שי׳: צו דער פארברעגנען אמר ר׳ שלמה שי׳: איך ווייס פון גרויסער חסידים וואס זיינען געקומען דא אין אמעריקא בשעת איך בין דא געקומען און ניט אויסגעהאלטן, און אפילו פון די גאר גרויסע חסידים האב איך ספיקות. דער עיקר איז דער צוגעבונדענקייט מיט׳ן רבי׳ן שליט״א, זיין צימער איז קדשי קדשים.

בחורים לקחו הרבה משקה . . יוסף בליזינסקי שי׳, יואל קאהן שי׳, זליג כצמאן שי׳, דוד ראסקין שי׳, ואני לקח ג״כ הרבה. הייתי שם עד שעה 3:30am . . והלך לישון . .

ווייניג בחורים זיינען בכלל געקומען - ר׳ זלמן שי׳ . . איז געווען איינציגע יונגגערמאן - ש. אלפעראוויטש שי׳, ז. לערמאן שי׳ - מ.ג. האט מקבל געווען זייער פיהל דאן - מענדל שי׳ ובערעל שי׳ שם טוב ואחדים יותר.

## שמיני עצרת ביום

תפילת בבית המדרש בבוקר, אכילה בבית.

היום זאך צוגעגרייט געהן בלילה בביה״כ, הלכנו לפני ערב ביחד עם לאזאר שי׳ און נאך פינף - ענגעל שי׳ ושאר תלמידים הצעירים. הלכנו לבית הכ׳ של ר׳ מיכא-ל ט׳ לשמוח ולשמח שם, דארט איז געווען א גרויסער עולם. זקן אחד התפלל ערבית בחזנות . . אח״כ געמאכט קידוש, געפראווועט הקפות.

א ביסל גערעדט צום רב, הרב ווייצמאן שי׳ - ער האט אמאל נאך אין רוסלאנד פארהערט כ״ק אד״ש אלץ א יונגער בחור. בשעת ער איז געווען א חולה, האט כ״ק אדמו״ר זצ״ל געשיקט דריי בחורים איהם מבקר חולה זיין. ער קלייבט געהן אויף יחידות . . נאך יום טוב -

. .אין מיט׳ן הקפות גערעדט צו עלטערען און קינדער בנוגע אידישער חינוך בענגליש אזויפיהל ביז זיי האבן געפאטשט, ווייל איך האב געשריגען אז מען טאר ח״ו זיך ניט מייאש זיין פון קינדער - גערעדט 15 מינוט.

ווידער געטאנצט מיט קינדער צו יעדער הקפה ארום און ארום שוהל אונטער דער ספרי תורות, קינדער האבן געהאלטן פאנען, ארום 70 קינדער. שפעטער לקריאת ספר תורה, ארויס און

געטאנצט מיט קינדער אין גאס, געמאכט ליניע והלכנו בסדר על PITKIN AVE., זייער א טומעלדיקער גאס. דארט געטאנצט ארום בלאק, הרבה אנשים האבן זאך צוגעקוקט און נאכגעגאנגען אונז צום שוהל.

אויף די טרעפ, האב איך זאך אוועקגעשטעלט און ווידער גערעדט אז מען גייט בויען ת"ת דא, און מען זאל ניט פארגעסען קינדערלאך זיי געבען זעלבע חינוך וואס איהר האט געהאט. מיר אידן דארפן ניט האבן מיסיאנערען, נאר זיין שטארק, ניט שעמען - דאן געוואלדיק געפאטשט - אמר להם, זיי זאלן אנטאהן תפילין, היטן שבת, מזוזות - און אלץ ווי דאס איז מאדערן - און דאס פאטשען זאל זיין ערשטער טריט צו טאהן גוטעס.

אויפן וועג צוריק געזונגען ווי פאריקע נאכט - נאר מיט זיבען תלמידים - עד הישיבה געזונגען אין הויף ביז'ן סוכה. כ"ק אד"ש שמע הזמר וצחק.

## שמחת תורה ה'תשי"ד

נאך פארברענגען האט כ"ק אד"ש געשטאנען אויף באנק כדי ער זאל קענען זעהן אלע און מיר איהם, עולם איז געווען גרויס אין דרויסען פון אלע געגענד. כ"ק אד"ש אמר אז מיר זאלן אויסרעדען מיט אידן וואס זיינען געקומען זעהן, און צווי מאהל דאס איבערגע'חזרט. ר' יצחק גראנער שי' דיבר וגם אני דיברתי שני פעמים, און יעדער מאהל אפשר 100 מענטשען האבן געהערט.

אריין ווידער צו פסוקים, אלע האבן געקויפט פאר ישיבה. מר שיינפעלד שי' עמד אצל כ"ק אד"ש ונתן מער געלט ווי אלע - {שלייפער?] האט ניט גוט געפילט, איז געקומען מוצאי שבת זעהן מיט זיין פרוי - מר שיינפעלד שי' שאל כ"ק אד"ש, אויב ער וויל געהן מיט איהם צו פלארידע פאר וואקיישאן, ענה כ"ק אד"ש, אז ער זאל דא בלייבען מיט איהם. שאל שפעטער אם רוצה כ"ק אד"ש מטפחת שלו אראפווישען זיעת קדשו, ענה כ"ק אד"ש, א דאנק, ער האט זיין אייגענער.

צו הקפות צוזאמען מיט רש"ג שי' אין ערטשער און לעצטער הקפה גאר שטארק געטאנצט, ספעציעל צום לעצטער. הקפות האבן זיך געענדיקט בערך 3:15am.

צו יעדער הקפה כ"ק אד"ש עשה בידיו הק' און געטאנצט אויפ'ן באנק, און עולם האבן געשטאנען אויף זייער ערטער און געטאנצט. צוזאמען מיט דוד ראסקין שי' געטרונקען משקה (נתינת כח!), קיין איינער איז ארויס פון גדרים אריבער צו שרייען אלעמען, נאר ארויס גדרים זיינען זיי. פנים של כ"ק אד"ש איז געווען רויט און שטארק געשוויצט.

ביז'ן סוף א היבשער עולם איז געבליבען, אח"כ איז אויך אן עולם געבליבען, טראכטענדיק אז ווי לעצטער יאהר וועט ווידער זיין הקפות, רק כ"ק אד"ש איז ארויס און געגאנגען א ריקוד און געזאגט עטליכע התעוררות ווערטער. איך האב געבראכט . . צו שלאפען, צוריק גייענדיק זע איך ווי כ"ק אד"ש גייט מיט הרבנית תחי' אין גאס אהיים. הלכנו לעשן, אחר קצת חזרה על "הרייד".

בבוקר של שמחת תורה האט מנין של כ"ק אד"ש התפלל בסוכה.

חתן תורה הי' ר' שמואל, חתן בראשית - כ"ק אד"ש, עולה תורה געווען מיט זיין נאמען ארויסגערופען מיט זיין פאטער'ס ווי אויך פריערדיקע רבי'ס נאמען מיט זיין פאטער. אנגעהאלטען עץ חיים מיט'ן טלית. מפטיר זאגט מענדל קונין שי'.

עטליכע מנינים קומען פאר אין הויף ווי אויבען אין שוהל. געמאכט קידוש פאר קריאת התורה.

פארקויפט פסוקים אתה הראת פארן מרכז, כמעט אזוי לאנג ווי . . נתתי $18 פאר זיך און אויך פארן משפחה. אלע זיינען מכבד כ"ק אד"ש. דריי מאהל . . מר . . שי' פון קעמפ איז געקומען צוזאמען מיט בנו שי', געגאנגען ריקודים, הקפות מאכט מען 3½ צוזאמען ואח"כ הריקוד.

ביי טאג נאכן אכילה, כ"ק התוועד עמנו ביז אריין אין שעת . . ר' פ. ווײלער האט געמאכט הויך קידוש אלעמען מוציא געווען, די נייע וואס זיינען געקומען כדי זאגן לחיים. כ"ק אד"ש איז געווען זייער אויפגעלייגט).

לזכות

# כ"ק אדמו"ר שליט"א

לעילוי נשמת

**הרה"ח ר' אלי' ארי' ליב ב"ר יוסף ע"ה גראסס**

נלב"ע ליל שמיני עצרת ה'תשנ"ה

*

ולע"נ זוגתו החשובה והחסודה

**מרת שרה פייגא ב"ר נטע זאב ע"ה גראסס**

נלב"ע ביום שבת קודש פ' וילך ו' תשרי

שבת תשובה ה'תשע"ט